# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ויקרא - פורים - תשפ"ב לפ"ק
גליון רי"א

## פראגע

**איז בעסער געבוירן צו ווערן מיט א גוטע נאטור און נישט האבן קיין שווערע נסיונות, אדער צו האבן שלעכטע נאטורן און זיך דארפן שלאגן דערמיט?**

## ענטפער:

לאמיר אייך עפעס זאגן: ס'יז נישטא אזא זאך ווי געבוירן ווערן מיט גוטע נאטורן. די מסילת ישרים זאגט אז קיינער ווערט נישט געבוירן גוט! מען קען געבוירן ווערן אביסל בעסער ווי אנדערע, אבער יעדער ווערט געבוירן א בעל גאוה, זעלבסטזיכטיג, און מען טראכט נאר פון זיך. מען דארף זיך לערנען צו טראכטן פון אנדערע מענטשן! קיינער ווערט נישט געבוירן מיט שכל, מען דארף זיך עס לערנען. און רוב מענטשן בלייבן זייער גאנצע לעבן מיט די זעלבע שכל וואס זיי האבן געהאט זייענדיג קליינע קינדער.

יא, זיי האבן זיך אויסגעלערנט וויאזוי צו זיין טויגליך אין טעכנישע זאכן, זיי קענען אפילו ווערן פראפעסארן און דאקטוירים, אבער זיי זענען בעביס ווען עס קומט צו פארשטאנד וויאזוי זיך אויפצופירן אויף דער וועלט. דערפאר, קיינער לעבט נישט אן קיין נסיונות; עס איז א וועלט וואו מען ווערט אויספראבירט כסדר.

חתונה-געהאטע לעבן איז א טעגליכע נסיון. אפילו מען האט די בעסטע ווייב אדער די בעסטע מאן, איז עס א כסדר'דיגע נסיון.

מען ווערט אויסגעפראוווט נאכאנאנד דורך די שכנים, מען ווערט אויסגעפראוווט דורך די ארבעטס-געבער און ארבייטער. דיינע קינדער זענען א נסיון. דיינע עלטערן זענען א נסיון. א שוויגער איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו שטייגן, ס'איז א נסיון. אלעס אויף דער וועלט איז א נסיון.

במילא קען קיינער נישט זאגן אז די וועלט איז גרינג פאר מיר צו וואוינען. ס'איז שווער. די נסיונות זענען אסאך מאל זייער שווער, און ווי שווערער דער נסיון אלס גרעסער דער שכר, "לפום צערא אגרא" (פרקי אבות, ה כג).

דערפאר, אויב א מענטש האט נישט קיין שום הצלחה אין געלט, ער איז נישט קיין אנגעזעענער מענטש, און ער וואוינט אין א קליינע ארימע פלאץ אין פארגלייך צו זיין שכן, איז עס א נסיון! טראץ דאס אלעם גייט ער ארויס פון זיין הויז יעדן טאג אויפגעלייגט, ער זינגט צום באשעפער, ער דאנקט אים פאר די זון-שיין, ער דאנקט אים פאר די ווינט, ער דאנקט אים פאר די פרישע לופט, ער דאנקט אים פאר די גאסן וואו ער קען גיין מער-ווייניגער פארזיכערט.

ברוך השם! ברוך אתה ה' המברך את עמו ישראל בשלום! עס איז דא שלום, מען לעבט אין א רואיגע לאנד, עס איז נישט דא דא קיין מלחמה, דו ביזט נישט קיין זעלנער אין אן ארמיי.

אזא מענטש, כאטש ער קען אפשר האבן סיבות צו זיין אומצופרידן, אבער ער איז אויפגעלייגט, און ווי שווערער עס איז אלס גרעסער וועט זיין זיין שכר און ער גייט דורך דעם נסיון מיט הצלחה.

פאר אזא מענטש זאגט צום סוף דער אויבערשטער, יעצט ביזטו גרייט אריינצוקומען צום גרויסן "פורים". וואס איז די גרויסע פורים? "צדיקים יושבים", זיי אלע זיצן ביים גרויסן פורים סעודה, א פורים באנקעט. "ועטרותיהם בראשיהם" און קרוינען זענען אויף זייערע קעפ, נישט פורים-קרוינען... עכטע קרוינען. פורים קענען זיי אפשר האבן פאפירענע קרוינען, אבער יעצט טוען זיי אן אן עכטע קרוין פון גאלד און דיאמאנטן.

די צדיקים זיצן אין עולם הבא און זיי האבן הנאה פון די גרעסטע תענוג וואס איז דא. די תענוג פון באקומען "דעת", צו משיג זיין דעם אויבערשטן, און זיי זענען "נהנים", זיי דערקוויקן זיך פון די אומבאגרייפליכע תענוג פון זען השי"ת. דער תענוג איז אזוי גרויס אז די גמרא זאגט אז דער אויבערשטער דארף געבן פאר די צדיקים ספעציעלע כח אז זיי זאלן קענען אויסהאלטן די אויסטערלישע תענוגים. אז נישט וואלטן זיי געפלאצט פון גליקליכקייט.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

זיי זיצן אין דעם גרויסן פורים און זיי טרונקען די וויין פון גליקליכקייט און זיי קוקן זיך צו צו די גרעסטע הנאה, די גרעסטע אונטערהאלטונג וואס איז נאר דא אויף דער וועלט. דאס וועט זיין זייער שכר ווייל זיי האבן געפראוועט פורים אויף דער וועלט, כאטש איין טאג, און נאך מער פאר די וואס האבן געפראוועט פורים אויף דעם קומענדיגן טאג, שושן פורים, און אויך דעם קומענדיגן טאג, א גאנץ יאר פורים, אלע טעג פון זייער לעבן.

דאס איז נישט קיין קליינע זאך צו טראכטן, מיר דארפן אוועקגעבן דעם פורים צו טראכטן דערוועגן. בשעת איר גיסט זיך אן די וויין, האלט עס אין מחשבה: **פורים איז בלויז א משל פאר עולם הבא**. און אנדערש ווי אלע אנדערע תענוגים אויף דער וועלט, וועט פורים קיינמאל נישט קומען צו קיין ענדע.

יעצט ענדליך איז די פורים סעודה געענדיגט, וואס איז יעצט? ס'איז געענדיגט! ס'איז א פשוט'ע וואכן-טאג יעצט. ניין! עס איז בלויז דער אנהייב! **"וטוב לב משתה תמיד"** (משלי טו, טו), אזוי ווערט געברענגט אין שולחן ערוך סוף הל' פורים, א מענטש מיט א פרייליכע הארץ ביי אים איז אייביג א סעודה. איז יעצט ווערן מיר גרייט פאר'ן גרויסן באנקעט וואס גייט אנהאלטן אויף אייביגע אייביגקייטן.

## פראגע

### וואס קענען מיר טון צו ווערן מער בשמחה אין לעבן?

## ענטפער:

איך וואלט וועלן געוואלט האבן 5 שעה צו רעדן אויף די נושא!

עס זענען דא צוויי וויכטיגע באשטאנדטיילן קונה צו זיין שמחה.

די ערשטע איז: זיך אפצוגעבן מיט די געזונט. מען דארף גיין שלאפן צייטליך, עסן אין צייט, זיך אפגעבן מיט די ציין. מען דארף זיין אקטיוו. נישט זיצן אגאנצן טאג אויף איין פלאץ. שפאצירו! מען דארף זיין אקטיוו אנצוהאלטן א געזונטע בלוט און לימף צירקולאציע. מען דארף טון אסאך זאכן זיך אפצוגעבן מיט די געזונט.

די צווייטע און מער וויכטיגע זאך איז: מען דארף שטודירן די געלעגנהייטן פון שמחה וואס איז דא אין לעבן. עס איז דא אזויפיל שמחה ארום אונז וואס ווארט אונז אפ, מיר ווייסן אבער נישט וויאזוי עס צו אנערקענען אויב מיר לערנען זיך נישט צו טראכטן דערוועגן. אויב איר וועט אראפנעמען צייט צו אנטוויקלען די מח, גייט איר פארדינען איין פארעם פון שמחה נאכן צווייטן.

איך וועל אייך דערציילן א קליינע אינצידענט וואס האט פאסירט מיט מיר. איך האב ארויסגעוואקט פון א זייטיגן געסל צו קינגס הייוועי און אין יענעם מאמענט האב איך געהערט א פרוי זאגט פאר איר באגלייטער אז זי האט זיך נארוואס ערהוילט פון אן אויגן-אפעראציע.

יענע פרוי ווייסט נישט וואס זי האט געטון פאר מיר. עס איז שוין א לאנגע צייט זינט דאן, אבער כמעט יעדן טאג טראכט איך דערוועגן. אן אויגן-אפעראציע איז בכלל נישט קיין געשמאקע זאך, און אויב האט איר נאך קיינמאל נישט געהאט קיין אויגן-אפעראציע, האט איר א סיבה צו זיין פרייליך. פרייליך? יא! פריי דיך מיט'ן פאקט אז דו האסט נישט קיין פראבלעמען מיט דיינע אויגן, חוץ אפשר אויגן-גלעזער.

עס קען אויסקוקן נאריש, אבער עס לוינט זיך צו זיין נאריש אין די געיעג נאך שמחה. לערנט אייך זיך צו פרייען מיט'ן פאקט אז איר האט געזונטע אויגן, איר האט קיינמאל נישט געדארפט האבן קיין אויג-אפעראציע.

לערנט אייך צו זיין פרייליך אז איר האט צוויי נירן; זייער אסאך מענטשן האבן ניטאמאל איינס. קומענדיגע מאל ווען איר קומט ארויס פון ביה"כ, דאנקט השי"ת פאר דעם. יעדע מאל א מענטש קען ארויסגיין און אלעס פונקציאנירט געהעריג, דארף ער שפירן א געוואלדיגע שמחה. א מענטש וואס האט נישט קיין נירן קען עס נישט טון.

איך פארשטיי אז די נושא קען נישט ערקלערט ווערן אין אפאר ווערטער. אבער איר ווילט לערנען וויאזוי צו זיין פרייליך, ס'איז א חכמה. איר וועט עס דארפן פראקטיצירן, מען דארף עס שטודירן, מען דארף טראכטן, און צוביסלעך וואקסט ארויס הערליכע פרוכט און דאס לעבן ווערט פיל מיט שמחה און מען ווערט א רייכער מענטש.

"איזהו עשיר" – ווער איז רייך? "השמח בחלקו" – א מענטש וואס לערנט זיך צו זיין פרייליך מיט וואס ער האט, און מיר האבן זייער אסאך.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור ענטפערט
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב